# מיר זענען אלע גרייט אויף מלחמה
# קעגן די גזירת הגיוס...

**מאמר השקפה**
פר' בלק
שנת תשפ"ה לפ"ק

מה טובו אוהלך יעקב משכנותיך ישראל.

דער פסוק, וואס איז געזאגט געווארן דורכ'ן פה טמא פון בלעם הרשע, בשעת ווען דער רבש"ע האט אריינגעלייגט א רסן בפיו און ער האט געמוזט זאגן דאס וואס מ'האט אים געהייסן, האט זוכה געווען אריינצוקומען אין די בתי כנסיות און בתי מדרשות, און דער פסוק הייבט אן יעדן טאג אונזער עבודת התפילה.

די ספרים הק' זאגן אסאך בחינות אויף דעם פסוק, עס ליגט דערין זייער אסאך. אויך אונז היינט צוטאגס ווען מיר קוקן זיך אים אויף אונזער מצב, מ'באטראכט אלע ענינים העומדים על הפרק, לאזט זיך אסאך טראכטן, און עס לאזט זיך אסאך מתבונן זיין אין דעם פסוק.

**מה טובו אוהלך יעקב.**

אוי ווי שיין זענען אידישע קינדער ווען זיי זיצן אין זייערע אוהלים, אוי ווי שיין איז כלל ישראל ווען זיי זענען אין די '**משכנות יעקב**'. קיין חילוק צי מ'איז אינדערהיים בין כותלי ביהמ"ד, אדער צווישן די גרינע בערג, אבער ווילאנג עס איז '**יעקב וישראל**' איז אלעס שיין און לעכטיג.

## אכטונג געבן פון בלעמ'ס עצה

מה טובו אוהלך יעקב, ווי גוט איז דער '**אהל יעקב**'. וויפיל מעלות האט זי, וויפיל גוטע זאכן לטובת דעם ציבור בכלליות, לטובת די תינוקות של בית רבן, לטובת בית יעקב אלו הנשים, קומט ארויס פון דעם '**אוהלך יעקב**'.

אבער דאס איז נאר אויב מ'פארגעסט זיך נישט, מ'איז נישט מסיח דעת אז אפילו אין די קאנטרי דארף מען האלטן קאפ און מח אז דער 'אהל' זאל נישט זיין קיין סתירה מיטן 'משכנותיך ישראל'. דער 'אהל' דארף אויך זיין א מקום פאר השראת השכינה.

דער געמיינער בלעם, דער שמוציגער פיסק, איז געקומען צו גיין מיט איין ציל: צו שעלטן אידישע קינדער.

אבער דער אויבערשטער האט אים נישט געלאזט, דער אייבערשטער האט איהם פארשטאפט דאס מויל, און ער האט געמוזט זאגן ווערטער וואס ער האט זייער שטארק נישט געוואלט זאגן. ער וואלט זיכער גרייט געווען צו צאלן אלע געלטער אז ער זאל דאס נישט

**די נייע גזירה קומט אז די ציוני'סטישע ממשלה שיקט ארויס פרישע 54 טויזנט צווי גיוס פאר בחורי חמד תלמידי הישיבות - דאס באדייט אז ביז א קורצע צייט וועלן אלע בני הישיבות והכוללים אין ארה"ק ווערן דערקלערט אלס 'פארברעכער' דורך די ציוני'סטישע רשעים, און אויסשטיין הארבע שטראפן פאר'ן 'חטא' פון וועלן בלייבן ערליכע אידן, היל"ת.**

ער האט געענדיגט דעם שפיל אלס א ביטערער דערלייגער ווען בלק האט אים געזאגט 'ברח לך אל מקומך', ווי דער **כתב סופר** ז"ל איז מסביר פארוואס ער האט אים געהייסן אנטלויפן, ווייל בלעם האט זיך געלאזט וואוילגיין אויף בלק'ס חשבון, ער האט 'געסווייפט' בלק'ס קארטל אין אלע האטעלן, רעסטוראנטן, שוואויל-ערטער, אבער ווען בלק האט געזען וואס ער האט אים 'דעליווערט' האט ער אים געהייסן הייבן פיס און מאכן פליטה, איידער די בעלי חובות קומען איינמאנען דאס וואס עס קומט זיי.

בלעם האט געזען אז עס גייט נישט מיטן מויל, און ער האט דאך נישט געוואלט איבערלאזן בלק'ן מיט גארנישט, און א קליינער שונא ישראל איז ער דאך אויך נישט געווען, האט ער אים דאן אויסגעזאגט א טייוולאנישן סוד וויאזוי ער קען מסדר זיין כלל ישראל און זיי ערנסט שעדיגן ח"ו היל"ת.

"**אלקיהם של אלו שונא זימה היא**", זייער באשעפער וויל נאר קדושה, ער זאגט זיי אן "**קדושים תהיו כי קדוש אני ה' אלקיכם**", "**והתקדשתם והייתם קדושים**", זייער באשעפער האט זיי ליב און ער גיבט זיי אלעס, ער טוט פאר זיי אלעס, ווייל "**כי עם קדוש אתה לה' אלקיך**".

"**כי ה' אלקיך מתהלך בקרב מחניך**", פארוואס דרייט זיך דער רבש"ע צווישן אידישע קינדער? ווייל "**ולא יראה בך ערות דבר**", דאס איז דער סוד מיט וואס אידישע קינדער האבן אנגעקניפט אזא פעסטן קשר אינעם הייליגן באשעפער. דאס איז די סיבה פארוואס דער רבש"ע וועט זיי קיינמאל נישט אויפטויישן, און ער וועט זיי קיינמאל נישט לאזן הפקר פאר זייערע פיינט.

בלעם הרשע איז געווען דער וואס האט מייעץ געווען פאר בלק אז ער זאל פורץ זיין אין די גדרי הקדושה. ער האט אים געגעבן די עצה אריינצוברענגען פריצות און זוהמא ביי כלל ישראל, און דאס וועט גורם זיין דעם ציל צו וואס ער באגערט אזוי שטארק.

ליידער, בלעם'ס עצה האט געהאלפן. אינעם זעלבן פרשת בלק, דארט וואו מיר לערנען גאנצע פרשיות ווי אזוי דער צובראכענער בלעם לויפט ארום פון איין ווינקל צו די צווייטע און ער זוכט צו שעלטן די אידן, אבער ער גייט ארויס בשן ועין, עס גייט אים נישט, ער קען

נישט טון וואס ער וויל. די זעלבע פרשה ענדיגט זיך מיט זייער א טראגישן אויסלאז, "ויהיו המתים במגיפה ארבעה ועשרים אלף".

גוואלד! ווי קען דאס זיין? דאס באליבטע כלל ישראל, די זעלבע וואס דער רבש"ע האט אזוי אכטונג געגעבן אויף זיי, און דא האט אזוינס געקענט פאסירן?!

יא יא! איעצך אשר יעשה העם הזה לעמך באחרית הימים!

ווי ריכטיג איז ווען אידישע קינדער זיצן אין די קאנטרי, און מ'זיצט אונטערן בוים און מען איז מעביר סדרה, מ'לערנט רש"י, אור החיים הק', מ'איז מעיין אין דברי חכמינו ז"ל וואס זיי זאגן אויף די הייליגע פסוקים, זאל מען דערפון ארויסנעמען עפעס אויף למעשה.

**יעצט איז די צייט ווען עס דארף אראפגעשטעלט ווערן אלע תקנות, אלע חומות, אלע גדרים וסייגים. עס דארף קלונגען אין די אויערן די הייליגע ווערטער פון מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע וואס ער האט אנגעזאגט פאר'ן עולם ביי זיין דרשה פאר קריאת התורה שב"ק איידער מ'איז ארויסגעפארן אין די קאנטרי, "מ'פארט טאקע אוועק פון די שטאט, אבער פונעם רבש"ע פארט מען נישט אוועק".**

"**מה טובו אוהלך יעקב**", די אוהלים זענען הערליך שיין, אבער "**משכנותיך ישראל**", דאס איז נאר כל זמן דער אוהל בלייבן א "משכן ה'", עס בליבט "**ושכנתי בתוכם**", די קאנטרי זאל ח"ו נישט זיין קיין מקום פון "ושב מאחריך".

יעצט איז די צייט ווען עס דארף אראפגעשטעלט ווערן אלע תקנות, אלע חומות, אלע גדרים וסייגים. עס דארף קלינגען אין די אויערן די הייליגע ווערטער פון מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע וואס ער האט אנגעזאגט פאר'ן עולם ביי זיין דרשה פאר קריאת התורה שב"ק איידער מ'איז ארויסגעפארן אין די קאנטרי, "מ'פארט טאקע אוועק פון די שטאט, אבער פונעם רבש"ע פארט מען נישט אוועק".

חס ושלום עס זאל נפרץ ווערן פירצות בעניני צניעות וקדושה אין די קאנטרי, חס ושלום עס זאלן אריינגעברענגט ווערן די גע'אסר'טע כלי משחיתים אין די קאנטרי. חס ושלום די אלע וואס האבן גודר געווען און אויסגעפאלגט די תקנות פון אונזערע רבי'ס און ארויסגעטראגן די אלע סארט כלים פון די שטיבער, זאלן זיך מורה היתר זיין און מיינען אז אין די קאנטרי מעג מען יא.

חס ושלום, דאס איז עצת בלעם הרשע, די עצה האט ליידער זייער טייער אפגעקאסט פאר כלל ישראל.

פון די אנדערע זייט, גלייך נאכדעם גייט פרשת פנחס.

אויב ח"ו הייבט זיך אן סיי וועלכע שוואכקייט און עס כאפט זיך ערגעץ אריין א פירצה, איז זייער וויכטיג אז עס זאל איבעראל זיין א '**פנחס**', איינער וואס זאל זיין אין די בחינה פון '**בקנאו את קנאתי**', איינער וואס זאל מוחה זיין, איינער וואס זאל פאראהאלטן און מעורר זיין, וויל נאר דאס וועט מגין זיין אז עס זאל ח"ו נישט זיין קיין אומגליק "**ולא כליתי את בני ישראל בקנאתי**".

דאס איז אונזער חובת השעה אין די יעצטיגע מינוט.

## דער ציל פון די גזירות און אונזער תשובה דערויף

אבער אינעם נושא פון 'עצת בלעם' האבן מיר נאך א הייסע נושא וואס איז עומד על הפרק.

עס איז דא בייזוויליגע רשעים ארורים וואס כל מחשבותם רק רע כל היום, זיי זענען נאר דא צו מבטל זיין די '**אהלי יעקב**', זיי טראכטן נאר וואס זיי קענען טון צו צוברעכן די '**משכנותיך ישראל**'.

אויב איז שוין לאנגע יארן וואס מ'רעדט פון 'גזירת הגיוס', אויב שוין לאנגע יארן וואס מ'סטראשעט מיט גיוס, איז ליידער היינט דער מציאות אז 'הנה היא עומד אחרי כתלינו': **גזירת הגיוס איז יעצט דא!**

דער בער האט זיך שוין באוויזן ביי אונזער טיר מיט איר גאנצע שרעקליכקייט, מיט איר גאנצע גרויזאמקייט.

די נייע גזירה קומט אז די ציוני'סטישע ממשלה שיקט ארויס פרישע 54 טויזנט צווי גיוס פאר בחורי חמד תלמידי הישיבות – דאס באדייט אז ביז א קורצע צייט וועלן אלע בני הישיבות והכוללים אין ארה"ק ווערן דערקלערט אלס 'פארברעכער' דורך די ציוני'סטישע רשעים, און אויסשטיין הארבע שטראפן פאר'ן 'חטא' פון וועלן בלייבן ערליכע אידן, היל"ת.

עקסטער האבן די ציונים זייער קלאר געזאגט אז זיי וועלן דאס אינפארסירן אויפן שארפסטן און ארגסטן אופן וואס איז נאר שייך. מיטן אויפשטעלן 'בלאקאדעס' (טשעק-פוינטס) וואו עס איז נאר שייך, אפגערעדט אין די לופט-פעלדער, און ספעציעל אויף די שאסייען ביי די אריינגאנג צו חרדי'שע שטעט.

יעדער בחור וואס שטעלט זיך נישט צום מיליטער וועט ווערן דערקלערט אלס א 'משתמט', עם כל המשתמע מכך.

די רשעים זענען געגאנגען מיט א שטאפל ווייטער מיט זייערע סטראשונקעס, און גענומען אויסארבעטן פלענער צו פארברייטערן די טורמעס מיט פרישע הונדערטער צעלן, זייענדיג גערישט צו דארפן ארעסטירן הונדערטער, אדער זאגאר טויזנטער, בחורים אינעם נאנטן צוקונפט.

**יזדעזעו עולם ומלואה!!!**

יא, יעצט איז די צייט ווען דאס יהדות החרדית וואלט געדארפט טרייסלען, די וועלט וואלט זיך ווען געדארפט איבערדרייען ד' מאות פרסה על ד' מאות פרסה.

"**גזירת גיוס בני הישיבות איז ליידער א שרעקליכער פאקט!**".

די ביטערע גזירת הגיוס קען מען באטראכטן פון פארשידענע אופנים.

די ציוני'סטישע מיליטער איז דאך באמת א שמעלץ טאפ פון אלע דריי עבירות חמורות.

דער "**כחי ועוצם ידי**" פון די קליפה וכפירה הציונית;

דער **שפיכת דם ישראל** אויף אן אופן נורא ואיום;

דער אויסשטעל פונעם מיליטער איז א שטיק **ג"ע** ר"ל.

עלובה עיסה שנחתומה מעיד עליה. דער אבי אבות הטומאה ב.ג. שר"י האט נישט אומזינסט געלייגט אזעלכע גרויסע האפענונגען אויף דעם ציוני'סטישן מיליטער. בשעת ווען ער איז געזעצן מיט זיינע שרים און געטראכט ווי אזוי וועט קענען ארבעטן אזא מדינה וואס באשטייט פון אזויפיל שטרעמונגען, אידן וואס קומען מכל פינות העולם, אזויפיל טיפן און פארשידנארטיגע נאטורן, האט ער געזאגט **"דער צה"ל וועט זיין דער כור ההיתוך [שמעלץ-טאפ] פאר מדינת ישראל"**.

אט דער **'כור ההיתוך'** האט ליידער אהערגעשטעלט אן "איזראעלי" פאלק, א מיאוס פאלק, אן אומציוויליזירט פאלק, א פאלק וואס שטייט גאר נידריג אין רציחה, אין שפיכת דמים, און זייער נידריג אין מאראלישן זין. א שמוציג געמיין פאלק. קיין שום מעלה וואס האט אמאל פארגעשטעלט מיט זיך דאס 'כלל ישראל' איז נישט געבליבן אינעם היינטיגן **"מדינת ישראל"**.

און אין דעם 'כור ההיתוך' ווילן זיי אונז אלע ארײַנשלעפן! און מיר שטייען יעצט אלע אויף דעם קאמף, מיר זענען אלע לוחם וועגן דעם, מיר ווילן זיך אלע ראטעווען פון בן גוריון'ס פלאן.

צווישן די חשוב'ע לייט וואס האבן מושך געווען בעט סופר אין יענע שטורמישע תקופה ווען מדינת ישראל האט זיך געגרינדעט, איז געווען הרה"ח ר' **משה שעהנפעלד** ע"ה, וועלכער האט מיט זיין געלונגענעם פעדער זוכה געווען צו 'שטעלן אין פלאץ' טויזנטער אידישע מוחות אין צייטן וואס עס זענען געווען אזעלכע שווערע בלבולים.

צווישן אנדערע האט רבי משה ע"ה געשריבן א מאמר ביי די גזירה פון 'גיוס בנות', ארויסברענגענדיג בטוטו"ד אז דער ציל פון ב.ג. איז מעביר זיין על הדת דאס גאנצע כלל ישראל, ער וויל אונז אלע פארוואנדלען אין מחללי שבת, אוכלי נבילות וטריפות, ער ווייסט אבער אז ער וועט דאס נישט קענען באוויזן, אידן וועלן זיך קיינמאל נישט לאזן און ער וועט דאס קיינמאל נישט קענען דורכברעכן, דעריבער האט ער זיך גענומען צו 'גיוס'.

ער האט גוט געוואוסט אז איינמאל די אידישע טעכטער גייען אין מיליטער איז מער נישטא קיין **'אידישע מאמע'**, נישטא מער קיין **'אידישער טאטע'**, נישט קיין בחורים, און נישט קיין ישיבות, און עס וועט ח"ו נישט בלייבן ווער עס זאל מגדל זיין און מחנך זיין א קינד לתורה וליראה. דאס איז געווען זיין ציל.

מיר האבן געהערט פון א איד וואס האט זוכה געווען צו זיין מקורב ביי מרן **רביה"ק מסאטמאר זלה"ה**, מיט ארום 60 יאר צוריק, ווען אין אמעריקע האט מען נאך געצווינגען צו קומען צום 'דרעפט' און יעדער בחור און אינגערמאן האט געדארפט זיין איינגעשריבן אין א ישיבה, אויב נישט האט ער געדארפט גיין אין מיליטער.

אין יענע צייט איז געווען א גרויסע מהומה אין וואשינגטאן ווען דאס אמעריקאנער פאלק האט געפערליך פארפירט קעגן דאס צווינגען מענטשן צו גיין אין מיליטער, און דער מיליטערישער גענעראל 'הוירשי', האט געזאגט א רעדע זיך צו פארענטפערן פארוואס ער צווינגט ארויף אויפן פאלק דעם 'דרעפט'. האט ער געזאגט צווישן זיינע ווערטער אז עס איז א גרעסערע עוולה דאס וואס מ'צווינגט נאר מענער צו גיין אין מיליטער און נישט קיין פרויען, מ'דארף ווען מאכן א געזעץ אז אויך פרויען זאלן דארפן גיין אין מיליטער.

האט דער גענעראל צוגעגעבן אז "אויב וועט אמעריקע טאקע איינפירן אז אויך פרויען זאלן גיין אין מיליטער, וועלן מיר נישט זיין די ערשטע פון די פרייע מדינות וואס טוט דאס, ווייל אין מדינת ישראל איז שוין איינגעפירט אז אויך פרויען פון אכצן ביז זעקס און צוואנציג יאר דארפן גיין אין מיליטער".

דער איד האט געהאט א גוי'אישע צייטונג וואו עס איז געווען אפגעדרוקט די באריכט איבער די רעדע, און ער האט דאס פארגעלייגט פאר'ן רבי'ן, איבערטייטשנדיג יעדעס ווארט פון ענגליש אויף אידיש.

ווען דער רבי האט דאס געהערט האט דער רבי געוויזן אין חומש אויפן פסוק אין די פרשת השבוע וואס בלעם האט געזאגט פאר בלק, **"איעצך את אשר יעשה העם הזה לעמך באחרית הימים"** זאגט רש"י הק' **"איעצך להכשילם, והרי זה מקרא קצר"**, האט דער רבי געזאגט: "איך האב שוין לאנג געזאגט – בשנת תשי"ב ווען עס איז געווען די גזירה פון גיוס בנות – אז דער פשט איז **'איעצך'** איך וועל דיר געבן אזא עצה 'להכשילם', וואס די עצה וועט זיין **'אשר יעשה העם הזה לעמך'**, די זעלבע עצה וועלן די 'אידן' געבן פאר די גוים **'באחרית הימים'**, וואס איז אין אונזערע היינטיגע צייטן, און די גוים וועלן זיך דאס גאר אפלערנען פון די אידן, ד.ה. אז די אידן וועלן זיך אויפפירן אזוי נידריג ר"ל, אז זיי וועלן נאך זיין די וועג-ווייזער פאר די גוים וויאזוי זיך אויפצופירן אוממאראליש.

דער רבי האט אויסגעפירט "מ'דארף זיך נישט זארגן. עס וועט נישט זיין אין אמעריקע קיין 'דרעפט' פאר פרויען, זיינע ווערטער וועלן בטל ווערן, מ'זעט נאר ווי די גוים נוצן דאס וואס די ציונים האבן דעם 'חוק', הגם אז פאר די פרומע לאזן זיי דערווייל נאך, אבער דאס איז נאר צייטווייליג, ווען זיי וועלן קענען וועלן זיי דאס אויך וועלן אויספירן, אפגעהיטן זאלן מיר ווערן".

אוי ווי, מי יודע, מי יודע, אויב די ביטערע רדיפות אין חינוך און אין אנדערע מצוות התורה וואס גייט פאר אין ניו יארק, אין ענגלאנד, אין בעלגיע, צי דאס איז נישט א דירעקטע תוצאה פון די ביטערע גזירות אין ארצינו הקדושה.

**ער האט גוט געוואוסט אז איינמאל די אידישע טעכטער גייען אין מיליטער איז מער נישטא קיין 'אידישע מאמע', נישטא מער קיין 'אידישער טאטע', נישט קיין בחורים, און נישט קיין ישיבות, און עס וועט ח"ו נישט בלייבן ווער עס זאל מגדל זיין און מחנך זיין א קינד לתורה וליראה. דאס איז געווען זיין ציל.**

**... אוי ווי, מי יודע, מי יודע, אויב די ביטערע רדיפות אין חינוך און אין אנדערע מצוות התורה וואס גייט פאר אין ניו יארק, אין ענגלאנד, אין בעלגיע, צי דאס איז נישט א דירעקטע תוצאה פון די ביטערע גזירות אין ארצינו הקדושה.**

## רגלי עמדה במישור!

די שטעלונג פון שלומי אמוני ישראל איז תיכף ומיד געהערט געווארן מיט א קלארקייט, ווען דער שר צבא ה' **כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק מסאטמאר שליט"א** האט שוין מאנטאג אינדערפרי זיך אויפגעשטעלט בשער בת רבים, און הויך אויסגערופן פאר די רשעי ישראל אז 'הונדערטער צעלן' איז נישט גענוג צו דעקן דעם געברויך פאר טויזנטער בחורים וואס גייען זיך 'משתמט' זיין, זיי וועלן זיך מוסר נפש זיין, און בשום אופן וועט מען זיך נישט צושטעלן צו די רשעים, און זייערע פינסטערע צילן.

דער רבי שליט"א האט אויסגעשריגן מיט א קלארקייט "**רגלי עמדה במישור!** אונזערע פיס בלייבן אין ביהמ"ד, און עס איז נישטא קיין וועג ארויס פון די כותלי ביהמ"ד, מיר גייען נישט צום מיליטער, און מיר גייען נישט אין קיין שום מקום וואו די רשעים ווילן אונז שיקן".

דער אמת איז אז מיר קענען אננעמען אז לא ירעו ולא ישחיתו בכל הר קדשי. היסטאריע האט באוויזן במשך די אלע יארן אז די רשעים האבן אונז נאך קיינמאל נישט צובראכן, זיי זענען נישט בכח אונז צוצוברעכן, ווייל מיר זענען שטארקער פון זיי.

מיר האבן א געווער וואס זיי האבן נישט. דער חזון **איש** ז"ל האט דאס שוין געזאגט פאר'ן ערשטן ראש הטומאה בן גוריון שר"י, **"מיר זענען שטארקער, איר קענט נאר שיסן, מיר קענען עפענען דאס העמד און זאגן 'שיס!'...**

ניין ניין, פון די רשעים דארפן מיר נישט מורא האבן.

אויב דארפן מיר מורא האבן איז דאס פון די מכם ובכמ'ניקעס, די מפשרים למיניהם (תרתי משמע), די יושבי כנסת המינים, וואס זיי זוכן אויסצונוצן די יעצטיגע געלעגנהייט און מיט כל ערליי טענות איבערוויזן אז יעצט מוז מען זיין 'בוחר הרע במיעוטו' און זיך מפשר זיין אויף עמיצנ'ס חשבון.

אויב ווארט אונז א מלחמה כבידה, דארף אונזער מלחמה גיין קעגן די אזוי-גערופענע 'חרדים'. די וואס שטעלן זיך ארויס אין די מערכה ארגער ווי אלע, ממש די שפל'דיגסטע מתפשרים זענען די פרומע חכי"ם פון **יהדות התורה**.

מיר דארפן זיך גרייטן צום קאמף לכל אורך הדרך.

## אשר יעשה העם הזה לעמך באחרית הימים!

וואס איז נוגע אויף די מינוט פאר אונזערע ברידער אין אמעריקע.

מיר שטייען פאר די גאולה שלימה, און מיר לעבן מיט דעם ביטערן פארמעסט פון די כוחות הטומאה קעגן די כוחות הקדושה.

ליידער, די וואס רופן זיך בשם ישראל האבן זיך דערקייקלט צו א מצב וואס בושנו מכל עם, די גרועים שבאומות קענען זיך קומען לערנען ביי די ציונים וויאזוי מ'נידערט אראפ צום שפל המצב וואס איז שייך.

דאס אלעס דארף אונז פילפאכיג מער מחייב זיין זיך אויפצוהייבן פיל העכער אין די ענינים פון קדושה וצניעות.

אין אן עת מלחמה דארפן מיר טאקע פון צייט צו צייט ארויסגיין בשווקים וברחובות אויסשרייען אונזער קול מחאה, אבער דאס איז אויך זיכער אז נישט ביי דעם הייבט זיך אן אונזער מלחמה, און נישט ביי דעם ענדיגט זיך אונזער מלחמה.

אויב זיי גייען מיט עצת בלעם, און ארבעטן אויפ'ן "**אשר יעשה העם הזה לעמך**", דארפן מיר גיין מיט'ן "**הן עם לבדד ישכון ובגוים לא יתחשב**", מיר דארפן זיך שלאגן מיט די קליפה הציונית, די טומאת הציונית, וואס דאס איז דער יסוד און דער שורש הזוהמא.

מרן **רביה"ק מסאטמאר** זי"ע האט דאס אזויפיל מאל ארויסגעברענגט אז די צוויי זאכן "אמונה מיט קדושה", "מינות מיט טומאה", דאס גייט אינאיינעם. לייקענען אין השי"ת, מפיץ זיין כפירה ומינות, דאס גייט צוזאמען מיט פורץ זיין אלע גדרי הקדושה.

ווען דאס כלל ישראל האט זיך געגרייט צו מאכן אן עגל און דינען עבודה זרה איז געווען "ויקומו לצחק", מ'איז אויפגעשטאנען צו טענץ, צו מחולות הטומאה, צו פריצות וגי"ע ר"ל.

גדולי ישראל וועלן מחליט זיין אויף די ווייטערדיגע שריט וויאזוי אנצוהאלטן די מלחמה קעגן די שוידערליכע פלענער פון די ציוני'סטישע רשעים צו רודפ'ן אזויפיל טויזנטער בני הישיבות, אבער אינצווישן קענען מיר, יעדער איינער פון אונז, דערקלערן אונזער אייגענע מלחמה, זה לעומת זה, קעגן די כוחות הטומאה.

**מיר גייען אין די איצטיגע טעג ארויס אין נאכאנאנדע פראטעסטן קעגן די גזירת הגיוס! יעדן איינציגן טאג מערערע פראטעסטן! און מיט מסירות נפש וועלן מיר צוברעכן די ביטערע קליפה פון די גזירה!**

יעדן טאג וואס א אינגערמאן וועט ארויסגיין אין די הייסע זומערדיגע גאס, און ער וועט זיך אכטונג געבן זיינע אויגן אז ער זאל צוריק קומען אזויווי ער איז ארויסגעגאנגען אפגעהיטן אין הייליג, האט ער דערלאנגט א זעץ אין פרצוף פון די קליפה פון גזירת הגיוס!

יעדן טאג וואס א פרוי וועט אכטונג געבן אויף די גדרי הצניעות, אכטונג געבן איידער מ'גייט ארויס פון שטוב אז דאס זאל זיין אויסגעהאלטן לויט ווי א אידישע טאכטער איז מחויב על פי דין, און מיט גדרים וסייגים ארום, איז דאס א מעכטיגן פראטעסט אין די קליפה פון גזירת הגיוס.

**מיר גייען אין די איצטיגע טעג ארויס אין נאכאנאנדע פראטעסטן קעגן גזירת הגיוס! יעדן איינציגן טאג מערערע פראטעסטן! און מיט מסירות נפש וועלן מיר צוברעכן די ביטערע קליפה פון די גזירה!**

**יעדן טאג וואס א אינגערמאן וועט ארויסגיין אין די הייסע זומערדיגע גאס, און ער וועט זיך אכטונג געבן זיינע אויגן אז ער זאל צוריק קומען אזוי ווי ער איז ארויסגעגאנגען אפגעהיטן אין הייליג, האט ער דערלאנגט א זעץ אין פרצוף פון די קליפה פון גזירת הגיוס!**

**יעדן טאג וואס א פרוי וועט אכטונג געבן אויף די גדרי הצניעות, אכטונג געבן איידער מ'גייט ארויס פון שטוב אז דאס זאל זיין אויסגעהאלטן לויט ווי א אידישע טאכטער איז מחויב על פי דין, און מיט גדרים וסייגים ארום, איז דאס א מעכטיגן פראטעסט אין די קליפה פון גזירת הגיוס.**

יעדע קאנטרי וואס שטעלט זיך אוועק אויף יסודות פון קדושה, מ'מאכט זיך זיכער אז עס זאל קענען זיין "ה' **אלקיך מתהלך בקרב מחניך**", עס זאל חס ושלום נישט זיין "**ושב מאחריך**", האט א טייל אין די מאסן דעמאנסטראציע, אין וואס אלפים ורבבות אידן זענען אנגעשלאסן אין די פאלגענדע טעג.

זיי ווילן צעווארפן די חומות הקדושה, מיר וועלן דאס בויען מיט אלע כוחות!

וה' ישמור צאתינו ובואינו מעתה ועד עולם.